**דער אמת'ר איד פרשת שלח** סיון תשס"ג - אמת'ע נייעס וואס שטייט נישט אין "דער איד" – "דער איד" איז ליידער געווארן א צדוקי, על כן האבען מיר געמוזט מאכען א נייעם צייטונג "**דער אמת'ר איד**" וואס וועט מגלה זיין דעם אמת'ן אין פנים

# "דער אמת'ר איד"

ערשטע אויסגאבע פרשת שלח # 1 — ב"ה ברוקלין נוא יארק — כ' סיון שנת תשס"ג לפ"ק

**נתייסד על ידי "התאחדות הקהילות דארצות הברית וקנדה"**

*משה יעקב ווייס רעדאקטער*

*הרב אנשיל יאקאבאביטש ארגאניזאטער*

*ספעציעל צום "אמת'ר איד"*
*פון שמעון גרינבוים*

## וויליאמסבורג

וונטיג: אלע אמת'ע ערליכע רבנים פון די גאנצע שטאט לויפן צו כ"ק מרן האדמו"ר מאודווארי שליט"א זקן הרבנים ראש פון התאחדות הרבנים, דער רב המכשיר פון דעם עירוב אין וויליאמסבורג, זיי זענען איהם מחזק, בעטן איהם האלט אייך פעסט, איר זאלט נישט מורא האבען פון די צדוקים הטמאים וואס ווילען עוקר זיין קדושת השבת פון כלל ישראל. איר זאלט וויסען זיי זענען א קומץ קטן מאוד.

געדענקט איר וואוינט אויף זכר 227 ראדליטש דאס איז מרומז אויף פרשת זכר את אשר עשה לך עמלק. זה כנגד זה. השי"ת האט אייך אויסגעקליבען אינאיינעם מיט הגה"צ רבי ר' פישעלע הערשקאוויטש שליט"א, אירביידע האבען מער תורה מיט יראת שמים וואו גאנץ וויליאמסבורג. האלט אייך פעסט.

זעט ווי דער בעל דבר האט אזא כוח בעקבתא דמשיחא וואס חוצפא יסגא, אז אפילו אייער מחותן וואס איז יא געווען אן ערליכער האט דער סמ"ך מ"ם אריינגעחאפט אין די נעץ פון מינות, רח"ל.

שרעקט אייך נישט, מיר גייען מיטן כח התורה, מיר שלאגען זיך פאר די הייליגע תורה הקדושה, השי"ת וועט נעמען קער אויף יעדען.

## דער שרעקליכער גיוס בנות אין מאנסי ניו יארק

## והעיר מאנסי נבוכה

**הָרָצִים יָצְאוּ דְחוּפִים בִּדְבַר הַמֶּלֶךְ וְהַדָּת נִתְּנָה בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה וְהַמֶּלֶךְ וְהָמָן יָשְׁבוּ לִשְׁתּוֹת וְהָעִיר שׁוּשָׁן נָבוֹכָה**

**גאנץ מאנסי גייט חאדאראס, ווי דער סמ"ך מ"ם האט אריינגעחאפט הצדיק רבי מאטעלע דעם וויזניצער רעבין אין זיין יוונים-סאטמערער נעץ.**

**ער פראבירט זיך ארויס צו דראפן אבער עס גייט נישט.**

דאנערשטיק: די וואך איז געווען דער ביטערסטער טאג פאר גאנץ מאנסי, ווען על פי פקודת הגה"צ רבי ישראל הגר דער זיהן פון וויזניצער רבין ר' מאטעלע האט ארויס געגעבען די ביטערע גריזה פון גיוס בנות.

מעשה שהיה כך היה: ר"י הגר האט געהייסען די הנהלת המוסדות מען זאל מאכען א מיטינג פאר אלע טיטשערס אין ארויס געבען די נייע יונישע גזירה, דאס וועלכע טיטשער וואס זי וועט טראגען מיט א כשר'ן עירוב וועט ווערען אטאמאטיש ארויסגעווארפען פון זייער סקול.

[דאס איז נאך דעם וואס עס איז דא אין מאנסי אן עירוב פון 30 יאר אין אלע טראגען. איז ארויס געקומען די נייע גזירה פינקט ווי די ציונים האבען געמאכט גיוס בנות, ווילען זיי יעצט אויס'שמד'ן אלע טיטשערס בכדי זיי זאלן קענען נאך דעם מחנך זיין דעם נייעם דור צו זיין צדוקים ואפיקורסים].

יודעי דבר זאגען אז ישראל הגר האט באקומען 5 מיליאן דאלער, זאל ארייננשלעפען זיין טאטען דעם הייליגען וויזניצער רבין זאל ווערען א צדוקי אין אנפירען מיט די שמד אקציע.

עס איז געווען א שטורעדיגע מיטינג פון עלטערען, די גאנצע שטאט האט מחליט געווען אז זיי גייען אויף שטעלען א נייע סקול פאר מיידלעך, זיי שרייען, מיר ווערלען זיך נישט לאזען שמד'ן.

## מאנסי ניו יארק

## וויזניצער רבי דארף גרויס רחמים

דער וויזניצער רבי ר' מאטעלע איז פרייטיג געגאנגען אין מקוה, ער האט זיך אויסגעגליטשט, ער איז געליגען א לאנגע צייט, עס האט איהם באגאסען מיט בלוט, ער האט געשריגען צו די גבאים אבער אין קול ואין עונה עס איז מקוים געווארן דער פסוק: גם כי יצעק וישוע אין קול ואין עונה, כי לא ישמע החוצה כלל.

ער האט פאלוירן אסאך בלוט, ער איז געווארן באוואוסטלויז, מען האט אים באלד געמומען אין שפיטאל. דער רבי קען זיך נישט רירען, ער דארף גרויס רחמים.

דער גאנצער עונג שבת איז צושטערט געווארן. עס איז געווען צוויי שבע ברכות'ן אין די משפחה.

## דאס גאנצע יהדות החרדית איז מתפלל פאר געזונט פון רבינו הקדוש מוויזניץ

אלע אידען אויפן גאנצען בדור הארץ זענען מתפלל לרפואתו השלימה, רבי מרדכי בן מרגלי-ה זאל האבען א רפואה שלימה, השי"ת זאל העלפען ער זאל קענען מקיים זיין וואס דער רא"ש שרייבט חזור בך, און זאל זוכה זיין מתקן צו זיין זיינע חסידים זאלען נישט האבען קיין פארשטערטע שבתים, זיי זאלען קענען מקיים זיין דעם "וקראת לשבת עונג" כתקנת שלמה המלך עליו השלום.

## די וויזניצער חסידים שרייען געוואלד וואס האט אויסגעפעלט דער הייליגער רבי זאל זיך אריינלאזען אין פלאנטער הקב"ה באצאלט מדה כנגד מדה

דער צדוקי יוסף חיים מאשקאוויטש דער מחותן פון וויזניצער רעבין וואס ער האט א חלק אין אריינשלעפען ר' ישראל'טשען מיט זיין טאטען אין דעם צדוקים געשעפט, פארשטייט זיך מיט א שיינעם עגל הזהב, צוליבן עגל הזהב איז ער ארויס א מלחמה א קעגעם הקב"ה וואס זיין נאמען איז שבת, שבת שמו של הקדוש ברוך הוא. מה עשה הקדוש ברוך הוא, ער האט באצאלטביידע מחותנים מיט איינמאל, דער רבי איז געפאלען, די גאנצע גרויסע שמחה איז אינגאנצען פארשטערט געווארן פאר ביידע מחותנים.

### די מאנסי חסידים זאגען מען זעהט יד ה'

די בני הכולל אין מאנסי וויזניצער חסידים האבען געזאגט, אז מען זעהט יד ה' דאס איז דאך ממש מדה כנגד מדה, ווייל דער מחותן הצדוקי יוסף חיים מ' האט געוואלט פארשטערען דעם עונג שבת פאר אידישע קינדער, האט מען איהם דא צוריק פארשטערט דעם עונג שבת. און נישט נאר דאס, נאר מיט דעם האט ער ארויסגעהאלפען די יוניש סאטמערער טעראריסטען, טעראריזירען און מבזה זיין כל גדולי ישראל, עד משה רבינו ע"ה.

## ערכאות:

עטליכע וויזניצער תלמידים האבען אריינגעגעבען א קלאגע אין קארט, אז אזוי ווי וויזניץ נעמט פראגראמען פון די אמעריקאנער רעגירונג, על כן גייט מען זיי איינקלאגען ביי די רעגירונג אויף זייערע מעשים תעתועים וואס דאס איז א קעגען די אמעריקאנער געזעץ.

## וויליאמסבורג'ער שמד אקציע

אזוי ווי דער ראש היוונים - דער אזוי גערופענער זלמן לייב ט"ב, וואס רופט זיך סאטמער רב פון וויליאמסבורג האט באקומען די ידיעה פון מאנסי, האט ער באלד געלאזט רופען די רעבעצען קליינמאן מען האט געמאכט א מיטינג מען האט געשטארעמט ביי די מיטינג אז אלע טיטשערס וואס ווערלען חס ושלום טראגען מיט א כשר'ן עירוב וועט מען זיי באלט ארויסווארפן פון די סקול.

יעדע טיטשער מוז זיך אונטערשרייבען, אויב זי וועט געחאפט ווערען מיט טראגען ח"ו מיט א כשר'ן עירוב, איז זי אטאמאטיש ארויס געווארפן פון סקול.

**דער אמת'ר איד פרשת שלח** סיון תשס"ג - אמת'ע נייעס וואס שטייט נישט אין "דער איד" – "דער איד" איז ליידער געווארן א צדוקי, על כן האבען מיר געמוזט מאכען א נייעם צייטונג "**דער אמת'ר איד**" וואס וועט מגלה זיין דעם אמת'ן אין פנים

איין טיטשער האט באלד פראטעסטירט און האט געזאגט איך וועל נישט אונטערשרייבען אויף שמד פאר די פארשטינקענע פאר דאלער. איך בין א חסיד פון רבינו הקדוש והטהור, איך ווייס גאנץ גוט דאס רבינו הקדוש האט געהאלטען אז כוח הפועל בנפעל, און מען טאר נישט נעמען געלט פון ציונים, אבער איר האט גענומען 18 מיליאן דאלער פון בנק לאומי פאר א האלבע פראצענט, און מיט דעם געלט האט מען אויפגעבויט מאנראוי.

על כן פארשטיי איך שוין ווי אזוי איר זענט אנגעקומען צו אזא ביטערע צדוקי שמד אקציע.

## מען וויל דערלאנגען די ערליכע טיטשער א פראסק אין פנים

איינע פון די הנהלה האט איר געוואלט דערלאנגען א פראסק, זי האט זיך באלד אנגערופען. אויב איינער רירט מיך אן וועט זי זיצען גלייך אין תפיסה פאר האטש א יאר צייט. אשרי יולדתך!

א צווייטע טיטשער האט זיך אנגערופען איך בין א פאפא חסיד'יסקע. איך ווייס פונקטלעך ווי אזוי איר זענט אנגעקומען צו זיין אזוי פארדארבען צו ווערען פון הויפט צדוקים וואס זענען עוקרי הדת.

## מעשה שהיה כך היה

איינמאל האט מען גערופען דעם פאפא רבין זי"ע צו א מיטינג צום רבינו הקדוש מסאטמער זי"ע, מיין טאטע איז אויך דארט געווען.

## דער פאפא רבי זצ"ל ביי א שטורעמדיגען מיטינג ביי רבי הקדוש זי"ע

די סאטמערער הנהלה פאנגט אן צו שרייען אויף פאפא רב, היתכן ער נעמט פון פעדירעישען 50 טויזנט דאלער צו פארעכטען דעם דאך פון פאפא בית המדרש. זיי זענען דאך ציונים גמורים, דער רבי שרייט דאך געוואלד כוח הפועל בנפעל.

## סאטמערער רבי זי"ע רופט זיך אן, עס קען דען זיין אזא זאך אז פאפא רב האט געוואוסט אז זיי זענען ציונים?

דער גבאי פון פאפא האט שוין פון פאראויס געוואוסט וואס מען גייט דא רעדען, האט דער פאפא'ר גבאי ארויס גענומען א צעטיל אין געוויזען פארן סאטמערער רבין דאס סאטמער באקומט פון די זעלבע פעדערעישען 150 אלפים צו פארעכטען דעם בית המדרש, איז אויב מיר האבען געזעהן דאס אז סאטמאר מעג, מעגען מיר זיכער.

## זייט ווען מעג סאטמאר נעמען געלט פון די ציונים אין ארץ ישראל

איין טיטשער האט גענומען שרייען, דאס איז ענקער פראבלעם? איך האב אסאך א גרעסערע פראבלעם!

וואס? מיין טאטע האט די פאריגע וואך דערציילט א מעשה נורא, וואס פון דעם זעהט מען אז מיר זענען די גרעסטע ציונים בעולם!

## מעשה שהיה כך היה

אין ארץ ישראל באקומען אלע מוסדות געלט פון די ציונים אחוץ סאטמער ווייל זיי באקומען פון "קרן הצלה" קאסע, וואס איז געשען? סאטמאר מוז דאך נעמען געלט פון ווי עס לאזט זיך אפילו פון די ציונים.

על כן האבען זיי געמאכט אן אופיס אין בנין פון דיסקין, זיי האבען דארט גערינגען א בנין, מען האט אריינגעגעבען אלע סאשעל סקיורעטי נומבערס, און די געלט איז געקומען אהין.

וואס האט פאסירט? עס איז געווען אן אינוועסטיגעישען, די ציוניסטישע רעגירונג איז געקומען בודק זיין, ווייל עס האט געקלינגען פאר זיי מאדנע אז אין דיסקין איז גאר דא צוויי מוסדות?, בקיצור זיי קומען א הין, זיי זעהן א טאוועל, אבער קיין קינדער איז נישט דא.

זיי האבען אויסגעפונען דאס סאטמער נעמט געלט אויף די זעלבע סאשעל סקיורעטי אויף 2 נעמען?

אויף איין נאמען איז זיי נישט גענוג.

## דער נאמען פון רבינו הקדוש איז מופיע אין די ציוניסטישע ביכער, רחוב יואל 6 הרב מסטמר

אין ארץ ישראל קומט ארויס יעדעס יאר א ביך ווי עס שטייען א קאפי פון א ליסט פון אלע מוסדות, די אדרעס, נאמען פון מוסד, נאמען פון רב, נאמבער פונעם טשעק, און וויפיהל דער טשעק איז.

מיין טאטע האט באקומען א קאפי פון דעם ביך, עס שטייט דארט קלאר אלע זאכען אפילו הרב יואל טייטלבוים סטמר רב באקומט די און די סומע געלט.

יעצט גיי שריי חי וקים, די ציונים מיט די מועצת גדולי התורה וואס אונז ליינען יעדע וואך אין דער איד, איז נאך פארהאנדען א גרעסערע שמד אקציע פון דעם?

אויב דאס איז אמת דארפן מיר אלע גיין גראד אין ציוניסטישע מיליטער, און נישט זיצען דא אין וויליאמסבורג, דארט וועט מען אונז לכל הפחות לאזען האלטן-שבת, די ציונים שלאגען נישט מענער און פרויען ווען זיי טראגען שבת קודש מיט א כשרן עירוב!

## רבינו הקדוש האט זיך צובייזערט אין אנגעפאנגען צו שרייען קולות וברקים:

וואס! מיך מאכט איר שוין אויך פאר א ציוני?, אויב איר וועט נעמען געלט קום איך מער נישט אריין דאווענען אין בית המדרש הגדול!

יא אזוי האבען זיי פארפירט רבינו הקדוש. יעצט ביי דעם עירוב חזר'ט זיך נאר איבער די אלטע תורה פון רבינו הקדוש כוח הפועל בנפעל. אלע זייערע שייגעץ שטיק לייגען זיי ארויף אויף רבינו הקדוש, עפ"ל.

==========================

## די יוונים פון סאטמער זענען סוף כל סוף - מודה על האמת

סאטמאר איז אלץ געווען א כוח פון קדושה וואס רבינו הקדוש בעל דברי יואל האט משריש געווען אין יעדען חסיד ער זאל זיך מוסר נפש זיין אויף יעדען קוצו של יו"ד.

היינט האט זיך אלעס געטוישט, דער סמ"ך מ"ם האט איבער גענומען די הנהגה, אלע יארען האט סאטמער געשריגען אז אלע רבנים זענען מינים ואפיקורסים ציונים, א.ד.ג.

היינט שרייען די סאטמערע קהלה (מיט די רבנים זייערע אין איינעם) אין זייערע צייטונגען אפען קליפ אין קלאר, **<u>מיר זענען צדוקים מינים וכופרים, מיר גלייבען נישט אין די עשרת הדברות וואס שטייט "זכור את יום השבת לקדשו".</u>**

## ירושלים עיר הקודש

אין אלע בתי מדרשים אין די מקוואות אין ארץ ישראל איז די הויפט נייעס ווי אזוי עס איז געקומען צו דעם אז סאטמאר האלט זיך ממש ביים שמד'ן, יא! פאר די פאר דאלער זענען זיי גרייט צו מאכען א סתימת הגולל אויף גאנץ סאטמער?

## סתימת הגולל אויף סאטמאר

ביי די ערשטע פראטעסט וואס די יוונים האבען געמאכט א קעגען עירוב אויף דעם אזוי גערופענעם ככר השבת, איז אויפגעשטאנען איינער פון די צדוקים אין געזאגט פסוקי יחוד, וואס מען זאגט ביי א נפטר, טרעפט צו אויף וואס איז געווען די פסוקי יחוד?

### אויף דעם סתימת הגולל פון סאטמערע קהלה אין וויליאמסבורג

====================

## גער אין ירושלים

נישט בחינם האבען מיר געהאלטען שוין די לעצטע 50 יאר אז סאטמער זענען בכלל נישט קיין אידען, היינט שרייען זיי אליין דאס זיי זענען צדוקים מינים וכופרים בתורת משה וישראל, עס איז איבריג יעדעסווארט, - נוסח קאצק.

=========================

## סקווער וויליאמסבורג

סקווערער חסידים אזוי ווי זיי האבען געהערט אז וויזניץ מאנסי האט זיך גע'שמד און געווארען אמת'ע צדוקים ביז זיי האבען זיך אראפגעלאזט אזוי ווייט אז זיי ווארפען שוין ארויס די טיטשערס פון די מיידעל סקולס אויב זיי טראגען מיט א כשר'ן עירוב.

האט סקווער באלד מודיע געווען אז מען זאל זיך גארנישט שרעקען, זיי עפענען שוין א נייע מיידעל שולע וואס דארט וועט מען נאר אריינעמען קינדער וואס טראגען מיט א כשר'ן עירוב.

=========================

## וויליאמסבורג נאך א נייע מיידעל שולע ווערט געעפענט אין

# וויליאמסבורג להוציא מלבן של צדוקים

הגאון רבי מנשה לייפער בנו של הגה"צ רבי שלמה לייפער עפענט אויף א נייע כשר'ע מיידעל שולע אין וויליאמסבורג.

## מאנסי ניו יארק

**דער צדוקי ישראל הגר דער זיהן פון וויזניצער רבין פון מאנסי ווערט צו ווילדעוועט משוגע**

**הכסף יענה את הכל**

**פרייטיג פרי** איז רבי ישראל הגר געווואר געווארען אז סקווער חסידים פון ניו סקווער עפענט אויף א נייע מיידעל סקול אין וויליאמסבורג, ווייל זיי ווילען נישט לערנען ביי די וויזניצער סקול וואס האבען זיך מתחבר געווען מיט די צדוקים מינים ואפיקורסים שאינם מודים בעירוב.

האט ער געלאזט רופען א מיטיג פון זיינע יועצים, איינער פון זיינע יועצים האט איהם געזאגט אז איך האב א געוואלדיגע המצאה, אזוי ווי דו ביזט א מחותן מיט'ן אודוואַרי רב שליט"א, גיי שוין אריבער צו איהם בעט איהם, זאג איהם צו 10 מיליאן דאלער ער זאל צוריק ציען פונעם הבשר.

==========================

## אז מען דערלעבט דערלעבט מען -

**יא! - ישראל הגר צדוקי מיט זלמן לייב קען מען שוין על פי הלכה אויף הענגען אויף איין תליה ווי דער פסוק זאגט** (אסתר ז' י') **וַיִּתְלוּ אֶת הָמָן עַל הָעֵץ אֲשֶׁר הֵכִין לְמָרְדֳּכָי וַחֲמַת הַמֶּלֶךְ שָׁכָכָה מען וועט אייך אויך נישט שולדיג בלייבען!**

דער אפגעריסענער צדוקי ישראל הגר זאגט וואס טוט מען נישט פאר געלט, ער האט דאס זייער ליב!

**פרייטיג צופרי:** רופט ישראל'טשע **אַן, איך וויל שוין אריבערקומען צום אודוואַרי רב שליט"א, איך האב זייער וויכטיג צו רעדען, מיין טאטע שליט"א וויל אז אודוואַרי רב זאל שוין אויפן פלאטץ חרטה האבען וואס ער האט געמאכט דעם עירוב. ווייל אז נישט וועט זיך זיין טאטע [דער וויזניצער רבי] פארלייגען אויף לענג און די ברייט עוקר צו זיין דעם עירוב הטמא. על"פ.**

דער גבאי האט איהם באלד געענטפערט, עס קומט נישט אין באטראכט מען לאזט אייך נישט אריין, מיר נעמען נישט אויף קיין צדוקים.

**פרייטיג 12 אזייגער** רופט ער נאך א מאל אן מיט די זעלבע טענה, האט אים דער גבאי געזאגט, אז א מיט א צדוקי טאר מען נישט רעדען. דיין טאטע גייט ארום מיט א טעם הכמוס, אבער דער רא"ש מיטן תשב"ץ האבען אויך געוואוסט פון דעם טעם הכמוס. זיי זאגען אז דער וואס דרייט זיך ארום מיט א טעם הכמוס איז א צדוקי א מין ואפיקורס.

אגב: איר זענט אזא אפגעריסענע בהמה, די גאנצע וועלט ווייסט דעם טעם הכמוס פון הגה"צ האדמו"ר רבי שרגא הגר, [דאס איז דיין פערזענטל'כע ארבעט, נישט דעם רעבי'ס ח"ו, דו האסט דעם רבין אריינגעדרייט, [ווילסט דיין הייליגען טאטען מאכען פאר א צדוקי אין די עלטער אזוי ווי ביי יוחנן כהן גדול?] זאלסט וויסען די וויזניצער חסידים רישען זיך דיך עוקר מן השורש צו זיין פאר דיין ארבעט, ימים ידברו, דאס איז זיכער נישט געווען דער דרך פון הייליגען אהבת ישראל].

איר ווילט נישט וויסען, אז איר זענט א מבזה אביו ואמו, מיט אלע זיידעס פון וויזניץ. וואס אויף דעם שטייט מות יומת.

עס שטייט רשעים מלאים חרטה, אבער נישט ביי קיין צדיק, **על כן, זאלט איר קודם חרטה האבען וואס איר זענט ארויס א קעגען די תורה הקדושה און מבזה געווען דאס גאנצע וויזניצער חסידות פון די לעצטע 200 יאר ביז היינט.**

## דער צדוקי ישראל הגר ווערט נישט מיד און לויפט ווי א פארסאמטע מויז פון איין רב צום צווייטען

**פרייטיג מיטאג:** גלייך נאך 12 מיטאג [נאך דעם דורכפאל ביים אודוואַרי רב] **רופט ער אהן צום שטיב פון קארלסבורגער רב שליט"א הגה"צ האדמו"ר רבי יחזקאל ראטה שליט"א, ער ווארענט איהם בשם זיין הייליגען טאטען ער זאל שוין חרטה האבען פון דעם וואס ער העלפט צו צום וויליאמסבורגער עירוב, ווייל אז נישט וועט זיך זיין טאטע [דער וויזניצער רבי] פארלייגען אויף לענג און די ברייט עוקר צו זיין דעם עירוב הטמא. על"פ. אזוי ווי ער האט שוין געהייסען פאר די חסידים אנפאנג וואך אראפ רייסען דעם געיט וואס די יוונים האבען געמיינט אז דאס איז דער עירוב.**

## חוטי העירוב - חוט השדרה

די וויזניצער חסידים ווילען זיך איינגאנצען אפ רייסען פון ישראל הגר צדוקי ווייל ער האט אריינגעשלעפט זיין טאטען אין צדוקים טאנץ, און מען באשולדיגט איהם, ווייל ער האט געהייסען דעם טאטען ער זאל זאגען זיינע חסידים זאלן אפ רייסען דעם עירוב, על כן אזוי ווי דער רבי איז דאך א צדיק, און האט זיך געלאזט איינרעדען פון זיין זיהן, ויצא העגל הזה. ווי עס שטייט אין תורה הקדושה שמות (ל"ב כ"ד): **ואמר להם** - דבר אחד למי זהב לבד והם מהרו והתפרקו ויתנו לי. **ואשלכהו באש** - ולא ידעתי שיצא העגל הזה. אבער דער רא"ש שרייט חזור בך! עס איז קיינמאל נישט שפעט!

### מיהו יהודי או מיהו צדוקי לפי חז"ל

**המתנגד לעירוב, או שהם הדיוטות גמורה הוא, או מינות נזרקה בו – הרא"ש צועק חסר–מוח כו' ואם לא יחזור בו אני מתרה בך ואת כל הקהל שינהגו בו גם נידוי באותו המשוגע... וירחיקוהו ויבדילהו מעדת ישראל כי דבר זה צריך חיזוק שלא יבא כל שוטה חסר דעת לבטל תורת משה רבינו עליו השלום.**

**היום אלו החסרים מוח והעוקרים והכופרים כתורת משה רבינו ע"ה נקראים רב ורבי?!**

היתכן לבזות גדולי ישראל שהלכו לעולמם ומוציאים עליהם לעז שהם היו ה"ו מאלו שאינם מודים בעירוב, ועוד יותר להוציא לעז עליהם שלחמו נגד העירוב הס ושלום שעל זה אמר בתשב"ץ הגדול (ה"ב סימן ל"ז) על אנשים כאלו, **או שהם הדיוטות גמורה הוא, או מינות נזרקה בו**, רח"ל. ועיין מה שכתב הרא"ש כלל כ"א:

**"שרב אחד התנגד לתיקוני המבואות בעירוב והתמרמר הרא"ש מאוד על זה עד שהחרימו ונידו. וזה לשונו:**

אני מנדה אותך ואם היתה בימי הסנהדרין היו ממיתין אותך וכו'.... ומצוה לנדותו בכל הקהילות.... וגם ידונו אותו למת כדין זקן ממרא, כי אנו חייבים למסור נפשותינו על תורת האלקים ולבער עושה הרעה מקרבנו עכ"ל.

וכן כתב בתשובה אחרת וז"ל: הכתב ששלחתי לאותו החסר- מוח כו' ואם לא יחזור בו אני מתרה בך ואת כל הקהל שינהגו בו גם נידוי באותו המשוגע... וירחיקוהו ויבדילהו מעדת ישראל כי דבר זה צריך חיזוק שלא יבא כל שוטה חסר דעת לבטל תורת משה רבינו ע"ה, וכו' עד כאן דבריו הקדושים של הרא"ש ז"ל, ועיי"ש עוד באריכות גדול.

==========================

**מאנסי ניו יארק רופט אויס א ריזיגען פראטעסט א קעגען דעם נייעם צדוקי ישראל הגר וואס וויל אויס'שמד'ן גאנץ וויזניץ**

די בני הכולל פון וויזניץ מאנסי האבען אנגעפאנגען צו לערנען ומפלפל צו זיין אין הלכות עירובין.

איינער פון ראש החבריא האט געזאגט: וואס פאר א מין אפיקורסות דרייט זיך דא ארום, יעדער זאגט נאך פון דעם, פון דעם, מען שטעלט אויף א גאנצען עמפאייער סטעיט בילדינג פון 120 שטאק אויף א בינטעל שטרוי, קען זיך דאס דען האלטען?

לאזען מיר אפיר נעמען אלע ספרים אויף עירוב לאמיר זעהן וואס גייט דא פאר? איז דאס א מצוה, אדער אן עבירה ח"ו?

אומר ועושה, יעדער ווערט געבעטען מארגען צו ברענגען וועלעכע ספרים וואס ער פארמאגט, אבער וואס ער קען פארשאפען.

## מחר יהיה האות הזה

איינער האט זיך אנגערופען, מען דארף נישט קיין סאך הארעוואנייע, אלעס איז גרייט מיט איין טלפון צום וועד העירוב דבארא פארק קען מען אלעס באקומען, דארט איז דא א רשימה פון אלע זאכען וואס מען קען באקומען דורכן פאקס נומער:

**(718) - 438 – 7411**

אויך קען מען באקומען די גליונות פון: "וועד תיקון עירובין דוויליאמסבורג" בהשגחת בית דין מיוחד לעניני עירובין:

**718 – 387 - 4498**

צו הערן דברי תורה פון מעיינות התורה והחסידות בעניני עירובין רופט:

**212 - 990 - 6845**

איינער זאגט איך האב דעם ספר תיקון עירובין פון הגה"צ רבי יוסף דוד מאשקאוויטש זצ"ל.

א צווייטער זאגט איך האב די דריי ספרים: 1. תיו יהושע, הוא שלחן ערוך של תורת שבת וואס איז ארויס אין ירושלים עיה"ק מיט 50 יאר צוריק.

2. עירוב והוצאה פון הגה"צ ר' יהושע סיגעל זצ"ל.

3. אום אני חומה פון להבחל"ח כ"ק אדמו"ר מאונגוואר שליט"א.

א דריטער רופט זיך אן, איך פארמאג די ספרים

1. על מצות עירוב.

2. חי אנוכי לעולם. דארט איז דא גענוג דוקאמענטען וואס מען קען זעהן דעם אמת.

בקיצור דעם אנדערען טאג האט מען אריבער געברענגט די אלע ספרים, דער כולל איז געגאנגען חאדעראם, דער האט זיך גענומען שרייען, וואס גייט דא פאר, דער ישראל'טש איז איגאנצען משוגע ומטורף? - וואס האט ער דא געטוהן?

ער האט אריינגעשלעפט דעם איין איינציגען איבערגעבליבענעם צדיק אין גאנץ אמעריקא, וואס? פאר די פארשטינקענע פאר דאלער איז ער גרייט מען זאל רופען אונזער הייליגען רבין צדוקי מין וכופר?

מיר וועלען דאס בשום אופן צו לאזען!

אויב וועט ער נישט באלד צוריק ציען פון דעם, אפילו ער זאל שאדען האבען הונדערט מיליאן דולר גייט אונז נישט אן, מען זאל שוין אריבער שיקען א דעלעגאצייע צו איהם. אויב ציהט ער נישט צוריק פון זיינע נייע אפיקורסישע דרכים, וועלען מיר מאכען א קעגען איהם אזא פארטעסט מיט זעק אז אמעריקא האט נאך אזאנס נישט בייגעוואוינט.

**איינער שרייט געוואלד!**

**דאס שפילט דאך מיט יסודי הדת, ווי קען מען מען דאס אויסהאלטען?**

**דאס איז דאך שוין בכלל נישט קיין שאלה אויף מי יהודי, ער איז דאך אן אפענער צדוקי ומין ואפיקורס לויט די חז"ל: אזוי שטייט דאך מפורש אין תשב"ץ (ח"ב סימן ל"ז), וז"ל: המתנגד לעירוב:**

**א. או שהם הדיוטות גמורה הוא.**

**ב. או מינות נזרקה בו.**

**דער רא"ש שרייבט דאך קליפ און קלאר אסאך שארפער אויף די מתנגדים לעירוב:**

**א. שוטה.**

**ב. חסר– מוח [וואס דאס איז דער איינציגער לימוד זכות אויף ר' ישראל'טשן].**

**ג. חסר דעת.**

**ד. משוגע.**

**ה. היו ממיתין אותו כדין זקן ממרא.**

**ו. זקן ממרא.**

**ז. נידוי.**

**ח. לבער עושה הרעה מקרבנו.**

**וירחיקוהו ויבדילהו מעדת ישראל.**

**ט. וירחיקוהו ויבדילהו מעדת ישראל.**

**י. שלא יבא כל שוטה חסר דעת לבטל תורת משה רבינו ע"ה.**

**אין היינטיגען משוגע'נעם דור פון עקבתא דמשיחא וואס חוצפה יסגי, קומען די חסרים מוח און ווילען עוקר זיין תורת משה רבינו ע"ה.**

ניין, מיר זענען מחויב מוחה צו זיין.

אונזער רבי זאל זיין געזונט און שטארק, האט אונז אויסגעלערנט אז ווען מען זעהט ביי יענעם אן עולה איז מען באלד מחויב מוחה צו זיין.

מיר האבען מקבל געווען ברית הערבות שקיבלנו והתחייבנו במצוות ה' "בְּהַר סִינַי" להיות ערב על כל איש ואיש מבני ישראל, שכל אחד ואחד נענש מכוח חיוב הערבות כמו שכתוב (ויקרא כו, לז), "**וְכָשְׁלוּ אִישׁ בְּאָחִיו**" (כמבואר ברש"י שם: ומדרשו "**וכשלו איש באחיו" זה נכשל בעונו של זה, שכל ישראל ערבין זה לזה**, (ועיין סנהדרין דף כ"ז:).

במאור עינים פרשת שמיני בשם הבעל שם טוב זי"ע, שכל הפחדים אפילו בבעלי חיים המגיע לאדם, היא כוונת השם ברוך הוא להפחידו כדי שיזכור לירא את ה', וכו', עיין שם.

עוד מובא במדרש רבה פרשת וארא (סי' י' ופרשת ויקרא כ"ב) שהקב"ה אומר לנביאים: "**אם אין אתם הולכים בשליחותי יש לי צפרדעים**[1] **ובעל חי שהולכים בשליחותי**" עיין שם.

די גרעסטע צרה וואס כלל ישראל ליידט איז וואס רבינו הקדוש ליגט נעבעך אזוי קראנק אין דארף גרויס רחמים, דאס איז בלי שום ספק ר' ישראל'טשע שולדיג אין דעם.

די איינציגע עצה איז, דער רבי זאל צוריק געזונט ווערען ווענט זיך לויט אונזער תוכחה וואס אונז וועלען מיר מוחה זיין.

ווי די גמרא זאגט (שבת נ"ד ע"ב), כל שיש בידו למחות באנשי ביתו ולא מיחה נתפס על אנשי ביתו, באנשי עירו נתפס על אנשי עירו, בכל העולם נתפס על כל העולם כולו. ופירש"י בכל העולם, אבל ישראל כגון במלך ונשיא שאפשר לו למחות שיראין מפניו ומקיימין דבריו.

ושם (דף נ"ה ע"א) אמרה מידת הדין לפני הקב"ה רבש"ע מה נשתנו אלו מאלו, אמר לו הללו צדיקים גמורים והללו רשעים גמורים. אמרה לפניו רבש"ע היה בידם למחות ולא מיחו. אמר לה גלוי וידוע לפני שאם מיחו בהם לא יקבלו מהם, אמרה לפניו רבש"ע אם לפניך גלוי להם מי גלוי, וכתיב ויחלו באנשים הזקנים, תני ר' יוסף אלו בני אדם שמקיימין את התורה כולה מאל"ף ועד תי"ו.

ובילקוט (שופטים רמז ס"ה) איתא, כל מי שסיפק בידו למחות ואינו מוחה להחזיר ישראל למוטב, כל דמים שנשפכים בישראל נשפכים על ידיו, אם תאמר אותם ע"ב אלף שנהרגו בגבעת בנימין מפני מה נהרגו היו להם לסנהדרין גדולה שהניח משה ויהושע ופנחס בן אלעזר עמהם שיקשרו חבלים של ברזל במתניהם ויגביהו בגדיהם למעלה מארכובותיהם ויחזרו בכל עיירותיהם של ישראל, יום אחד ללכיש, יום אחד לעגלון, יום אחד להברון, יום אחד לבית א-ל, יום אחד לירושלים וכו' עיי"ש.

ובשבת (דף נ"ד ע"ב) אמר רב פפא והני דבי ריש גלותא נתפסים על כולי עלמא, א"ר חנינא מאי דכתיב ה' במשפט יבא עם זקני עמו ושריו, אם שרים חטאו זקנים מה חטאו, אלא אימא על זקנים [סנהדרין] שלא מיחו בשרים עיי"ש.

עוד אמרו בשבת (דף קי"ט ע"א) אמר ר' עמרם אמר ר' חנינא לא חרבה ירושלים אלא בשביל שלא הוכיחו זה את זה, שנאמר היו שריה כאילים לא מצאו מרעה, מה איל זה ראשו של זה בצד זנבו של זה, אף ישראל שבאותו הדור כבשו פניהם בקרקע ולא הוכיחו זה את זה, עיי"ש.

היוצא לנו מכל זה דאס מיר זענען מחויב תיכף ומיד ארויסגיין מיט די גרעסטע מחאה וואס עס איז נאר געווען אין די וועלט, אזוי וועט השי"ת צו הערען צו אונזער ווייגעשריי און וועט שיקען א רפואה שלימה פאר רבינו הקדוש, און זאל אונז אקעגען פירען א קעגען משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

### כמה מפושעי ישראל ילחמו במלך המשיח

**ובההוא זמנא** יתער קודשא בריך הוא גבורתיה לכל עמין דעלמא, **ומלכא משיחא יתידע בכל עלמא**, וכל מלכין דעלמא יתערון לאתחברא לאגחא קרבא ביה, וכמה מפריצי יהודאין יתהפכו לאהדרא לגביהו וייתון עמהון לאגחא קרבא על מלכא משיחא, כדין יתחשך כל עלמא חמש עשרה יומין, וסגיאין מעמא דישראל יהון מתין בההוא חשוכא, ועל דא כתיב (ישעיה ס'): "כי הנה החושך יכסה ארץ וערפל לאומים". **פירוש הזוהר:** ובאותו זמן **יעורר הקדוש ברוך הוא גבורתו לכל אומות העולם, ומלך המשיח יודע בכל העולם**, וכל מלכי העולם יתעוררו להתחבר להגיח בו קרב, **וכמה מפושעי ישראל יהיו עם אותם האומות להלחם במלך המשיח**, ואזי יחשך העולם חמישה עשר יום, **ורבים מעם ישראל ימותו באותם ימי החושך**, ועל דא כתיב (ישעיה ס'): "כי הנה החושך יכסה ארץ וערפל לאומים". (זוהר הקדוש שמות דף ז' ע"ב).

בזכות שמירת שבת כהלכתה נזכה לגאולה שלימה בקרוב, כאמרם ז"ל אלמלי שמרו ישראל שתי שבתות מיד נגאלין.

---

1) ראה פסחים (דף נ"ג עמוד ב'), מה ראו חנניא מישאל ועזריה שמסרו [עצמן] על קדושת השם לכבשן האש, נשאו קל וחומר בעצמן מצפרדעים, ומה צפרדעים שאין מצווין על קדושת השם כתיב בהו (שמות ז') "ועלו בביתך וגו' ובתנוריך ובמשארותיך", אימתי משארות מצויות אצל תנור הוי אומר בשעה שהתנור חם, אנו שמצווין על קדושת השם על אחת כמה וכמה, עד כאן לשון הגמרא, שם. וראיתי דבר נפלא בספר י"ג אורות (דף קס"ז): שהצדיק הקדוש רבי מאיר מפרימישלאן זצ"ל אמר להרה"ק משינאווא זצ"ל: **דעו שמשיח לא יבוא בזכות "סאנעטארסקע יודעלעך" [יהודים חשובים, רבנים וכדומה] אלא בזכות החיילים היהודים (שנתפסו על ברחם לצבא ושמרו שבת, כשרות וכדומה במסירות נפש).**